# THE SHEPHERD OF ISRAEL

December, 1932 J. H. COHN, Editor of English Department. Vol. XV. No. 4

## WHO CRUCIFIED CHRIST?

**By Daniel Finestone**

After nearly two thousand years the question, "Who crucified Christ " is still being asked. Justly or unjustly Christendom has charged the Jewish nation with the responsibility for the death of Jesus Christ. The enemies of the Jewish people, especially in countries where the Greek Orthodox and Roman Catholic religions are dominant, have often made His death an excuse for bitter insults and cruel attacks upon them. Thus one of the leading Jewish papers of Germany writes "His" (Christ's) death, especially, was made the means of inciting hatred and strife against us". So it is not surprising that this is a subject often avoided among Jewish people. Our only desire in discussing such a vexed question as this is to throw light on it so that our Jewish readers may know the facts.

### THE ACTUAL FACTS

From the historical accounts found in the Gospels of the New Testament, we learn the details of the life and death of Christ. Every Jew should be familiar with this important history. Today even Rabbis are teaching the New Testament to classes of Jews, and Christ has been acclaimed by Jewish thinkers as, "The Great Teacher of Mankind". Max Nordau, famous criminologist and Zionist has said of Him, "Jesus is Soul of our Soul, Flesh of our Flesh. Who then could think of excluding Him from the people of Israel?....He honors our race, and we claim Him, as we claim the Gospels, flowers of Jewish literature". And Dr. Graetz the Jewish historian has written, "High minded earnestness and spotless purity were His undeniable attributes". It is no wonder that His untimely death has been called "the tragedy of the ages". Upon whom then must the guilt for this crime rest? Some hold the Romans to be the perpetrators of this deed, others accuse the Jews, and still others see His death as at the hand of God. Space permits only a brief discussion of these three views.

### ROMAN GUILT

First let us consider the part the Romans played in His death. We learn from the records that Pontius Pilate the Roman Governor of Judea, passed Him the sentence of death; and Roman soldiers were the executioners. Must we not then hold the Romans responsible? Only partly, for Pilate was coerced by the Jewish leaders into this gross miscarriage of justice. They charged Him with treason against Caesar in that He claimed, so they asserted, to be the King of the Jews, and for this they demanded His death. But to this charge He replied,

> "My kingdom is not of this world: if my kingdom were of this world, then would my servants fight."
> (John 18:36).

But although Pilate found Him innocent of this charge, yet for political reasons he weakly acceded to their demands for His death and tried to shift back the responsibility for it upon the accusers of Christ; for we read,

> "When Pilate saw that he could prevail nothing but rather that a tumult was made, he took water and washed his hands before the multitude, saying, I am innocent of the blood of this just person, see ye to it".
> (Matthew 27:24).

But Pilate does not thereby clear himself of guilt. As to the Roman soldiers, no thinking person would hold them responsible for they were merely doing their duty as the agents of the law in carrying out the sentence of death.

### JEWISH RESPONSIBILITY

Secondly, what is the responsibility of the Jewish nation in this unjust execution? We read,

> "And the chief priests and the scribes sought how they might put Him to death; for they feared the people."
> (Luke 22:2).

The Sanhedrin, which was composed of the chief priests, scribes and elders of the people, hatched the plot to put Christ out of the way. His teaching was undermining their prestige and threatening their power, for they saw that the masses were turning from them to follow Him. His death to them became a political necessity. Blinded by prejudice to His true character they regarded Him as a mere man who yet claimed to be the Messiah.

These Jewish rulers, aided by the treachery of Judas the false disciple, and by coercing the Roman Governor, secured Christ's speedy execution. It should be evident to all, that while, on the one hand the Jewish people as a whole were blameless, on the other hand it is equally true that their leaders were criminally guilty. Yet the stigma for this crime has been laid upon the entire nation. One cannot but feel that it has been a sad injustice to have charged a whole nation with the iniquity of a few, even though the few were the ruling body of the people.

But the question which has perplexed many Jewish people is this:— If Jesus truly is the Messiah of Israel, why did He permit Himself to suffer death at the hands of His enemies? To this we reply that Messiah's death was long foretold in the Hebrew Scriptures, which Christ by His death fulfilled.

### BUT WHAT ABOUT GOD?

Let us then consider the view that His death was at the hand of God. The prophet Isaiah, centuries before the coming of Christ, foresaw the death of the Messiah and wrote,



**BETH SAR SHALOM**
**Throop Avenue and Walton St.**
**Brooklyn, N. Y.**

> "Yet it pleased the LORD to bruise Him; He hath put Him to grief: when Thou shalt make His soul an offering for sin, He shall see His seed, He shall prolong His days and the pleasure of the LORD shall prosper in His hand.
> (Isaiah 53:10)

Few Jewish people have understood that the Messiah must die as an offering for sin, and thus become the last great Sacrifice, bringing salvation to all mankind. All the animal sacrifices of olden times definitely pointed to this which God did when He gave His Messiah to die as a Sacrifice. Apart from this interpretation the sacrifices in the ancient Jewish ritual become empty and meaningless. They were all based upon the truth that "it is the blood that maketh atonement for your souls". (Leviticus 17:11). The death of Christ, which fulfilled all those sacrifices swept them away into the discard and they have ever since been discontinued. Now, anyone, whether Jew or Gentile, who believing God's Word, accepts by faith the death of the Messiah the Lord Jesus Christ, as his or her offering for sin, receives forgiveness by virtue of His shed blood.

### YOUR PART

No human act alone, whether of the Romans or of the Jews, could have robbed Jesus Christ of His life had not God Himself given Him into the hands of man to be put to death, and then raised Him to life again on the third day. (John 19:11). That the human agents in His death did not commit the unpardonable sin is seen in the fact that many of the very Jews who formerly had cried out for His

ווערטער רעדענדיג וועגען דעם גרויסען יו"ט קריסט־
מעס אלס אן אנדענקונג אויף דעם געבורט פון
ישוע המשיח, און מיר אלע צעהנדליגע טויזענדער
יחידי סגולה וואס גלויבען יענע אלע נביאים, און
דערפאר גלויבען מיר אין ישוע המשיח, מיר
רופען אוים מיט יובל און מיט התלהבות'דיגע שמחה
איבער דעם געבורטסטאג, קריסטמעס, „זה היום
עשה ד' נגילה ונשמחה בו", און מיר בעטען "אנא
ד' הושיעה נא", העלף א גאט אז כל ישראל זאלען

Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the American Board of Missions

זיי פערווירקליכען די עובדא וואס אידען זיינען מחויב צו טהון; גאט זאגט צו אידען: "הגידו בעמים עלילותיו", "ספרו בגוים את כבודו". יא, אברהם אבינו האט אזוי געטהון, וואו ער איז נור געקומען הייסט עס "ויקרא אברם בשם ד׳", און אזוי וואלטען אויך אלע בני אברהם באדארפט טהון! טהון זיי עס? ניט נאר טהון עס ניט די אידען, נייערט, מיר וואס טהון עס יא, ווערען נאך פון זיי, פון אונזער בלוט און פלייש, פערהאסט און פערפאלגט. מ׳טראכט אויס אויף אונז כל׳ערליי בלבולים און מ׳רופט אונז פעשיעדענע נעהמען.

אידען דארפען די מיסיאנערישע טעטיגקייטען בעטראכטען מיט אפענע אויגען און דיעזע הייליגע עובדא אונטערשטיצען מיט ראטה און טהאט וויי׳ל עס איז לרצון הבורא און לטובת ישראל.

---

## גרויסע אידען

מיר שטעלען דא דאס בילד און ביאגראפיע פון גרויסען איד רעוו. א. ר. קאלדעל פון וואשינגטאן, ד. ק.

מר. קאלדעל איז געבוירען און אויפגעצויגען געווארען ביי בעל־בית׳שע עלטערן אין קעשענעוו. דער פאטער זיינער האט פון איהם געוואלט מאכען א געשעפטס־מאן, זיין מוטער האט אבער דוקא געוואלט פון איהם מאכען א כלי קודש׳ניק. אום ביידע צופריעדען צו שטעלען האט ער געווידמענט האלב פון זיין צייט אין דער ישיבה און די אנדערע העלפט אין געשעפט, עפעס א מין "בין השמשות׳־דיג" לעבען, וואס האט איהם גופא לגמרי נישט צופריעדען געשטעלט.

איינמאל געהענדיג אזוי פארטראכט אין דער גאס האט דער ווינד פארבלאזען צוריסענע בלעטלעך פון עפעס א אידישען ספר און פארטשעפעט צו זיינע פיס. אביסעל ווייטער—ווידער שטיקלעך בלעטלעך ביי זיינע פיס, און אזוי קומענדיג צום עק פון גאס זענען גאר געפלויגען אסאך אזאלכע בלעטלעך וועלכע זענען געקומען פון א רעדעל אידען וואס זענען דארט געשטאנען און צוריסען אידישע און העברעאישע ביכלעך וואס מיסיאנערן האבען דארט פערטיילט.

ווען ער האט דערהערט זייערע צאצקעדיגע באמערקונגען וועגען מיסיאנערן, וואס ער האט ביז דאמאלס קיינמאל נישט געהערט אדער געזעהן, האט ער זיך אראבגעבויגען און אויפגעהויבען אפאר פון יענע פליהענדע בלעטלעך און האט זיי אנגעהויבען צו לייענען. יעדע פראזע אדער פסוק וואס ער האט דרין געלעזען האט איהם א טיאכקע געטון ביים הארצען, עפעס אזוי ניי, אזוי אריגינעל, און אזוי ערקוויקענד.. און דא האט ער נור געהאט טיילען דערפון, ער האט אבער קיין רוה געהאט ביז ער האט זיך איינגעשאפט דאס גאנצע ספר ברית החדשה און עס פלייסיג געלעזען.

אונזער גרויסער איד האט דעם גאנצען חשק פארלוירען אי צו דער ישיבה וואס די מאמע האט אזוי שטארק פאר איהם געוואלט און אי צו געשעפט וואס דער פאטער האט פאר איהם באשטימט. אונזער גרויסער איד האט פארגעצויגען דאס וואס די השגחה האט פאר איהם געפלאנט, ער האט פלייסיג געלעזען דאס נייע טעסטאמענט און טאקע געוואלט וויסען און עס פארשטעהן, און איהר



ווייסט דאך אז "יגעתי מצאתי", ער האט געזוכט און אויך געפונען. אביסעל שפעטער זעהען מיר איהם א ניי געבוירענע בריאה האבענדיג א נייעם הערץ, א נייעם גייסט, א ניי לעבען, א נייע האפנונג, אלעס ניי אין ישוע המשיח און אלס אזאלכער האט ער עפענטליך באקענט ישוע המשיח אלס זיין גואל צדק און זיין פודה ומציל.

אין זיין גרויסער התלהבות׳דיגער שטימונג איז ער שנעל געלאפען אויף זיינע עלטערן די גוטע בשורה אנזאגען. ער האט אפנים געמיינט אז זיי וועלען איהם דערפאר א גרויסען יישר כח געבען און א קוש אין פיסקעל אלס א צוגאב.. ער האט אבער באלד אויסגעפונען אז פון מחשבה ביז מעשה איז א גרויסער תחום שבת.. אזויבאלד זיינע עלטערן האבען פון איהם דאס נייעס דערהערט איז זיי געביך פינסטער געווארען אין די אויגען, ער האט באלד געמוזט עוקר זיין אי פון דער היים און אי פון דער שטאדט און האט אנגעשלאגען אזש אין דייטשלאנד וואו ער האט געפונען אפענע טיהרען ביי ליעבע קריסטען וועלכע האבען איהם ווילקאמען בשם ישוע המשיח און האבען איהם אויך געהאלפען נאך אמעריקא צו פאהרען וואו ער איז געגאנגען אין קאלעדזש און אין אוניווערזיטעט פון וואו ער איז ארויסגעקומען אלס ארדענירטער פאסטאר פאר קריסטליכע קהלות.

זיבען־און־צוואנציג יאהר איז אונזער גרויסער איד געווען דער גייסטיגער ווארטס־פיהרער און לייטענ־דער גייסט אין קריסטליכע געמיינדעס וואו ער איז געווען בכבוד גדול, געעהרט און געאכטעט ביי אלע. און דאך האט ער אויך קיינמאל נישט פארגעסען זיינע פארפאלגטע אידישע ברידער. ער האט תמיד נור גוטעס גערעדט וועגען זיי און ביי יעדער געלעגענהייט פאר זיי אויך גוטעס געטון.

איינמאל האט אבער זיין געוויסען איהם בעאומ־רוהיגט, בכן, ער דרש׳ענט אזויפיעל יאהרען שוין צו קריסטען און האט זיינע זיבען־און־צוואנציג יאהר צו זיי אוועק געגעבען, און צו אידען, זיינע איינענע ברידער האט ער כמעט גארנישט געגעבען, נויטיגען זיי דען נישט פונקט אזוי דעם הייליגען משיח ווי אנדערע? טא פארוואס נישט געהן דרש׳ענען די גאולה שלימה אין ישוע המשיח צו זיינע ברידער?

און "אומר ועושה", ער האט אבגעדאנקט זיין גרויסע שטעלע און איז געגאנגען לצאן אבדות מבית ישראל, אסאך יאהרען פארווענדעט מיסיאנירענדיג צווישען אידען. זיין בילדונג און זיין ליעבע, בעזאנ־דערס דער חסד הבורא יתברך האט איהם געהאלפען אז פיעלע אידען האבען דורך זיינע הארציגע דרשות אנגענומען ישוע המשיח אלס זייער גואל צדק און זענען אזוינאך פטור געווארען פון דעם ארור וקללה וואס ישוע האט אויף זיך גענומען, פאר זיי עס געטראגען, אזוי ווי עס הייסט "והוא חטא רבים נשא" (ישעיה נ"ג), און זיי האבען דערפאר באקומען ברכות ישועות ונחמות אין ישוע המשיח.

אונזער גרויסער איד איז איצט א זקן, און אין זיין הויכען עלטער בליקט ער מיט גרוים פרייד און דאנקבארקייט צום ליעבען גאט פאר די אלע יאהרען וואס ער האט געארבייט פאר דעם מלכות השמים אונטער זיינע אידישע ברידער. ע.

---

## כוכב מיעקב

דרך כוכב מיעקב — במדבר כ"ד, 17

---

זעהסטו בריעדער יענעם שטערן
ווי ער שיינט גאר א פראכט.
ווי דער הימעל טוט זיך קלערען
אט פארשווינד שוין די נאכט.

גאט פון רחמים און פון ליעבע
מאכט פון איהר אין גאנצען א תל
און די גלות־נאכט די טריבע
ווערט דיר ישראל ליכטיג און העל.

זיי נישט שפל, נישט קליין געפאלען
הויב זיך הויב זיך בריעדער גיך
ליעבליך לייכטען דיר די שטראלען
דער וואונדערבארער "כוכב" של משיח.

---


## בית שר שלום

קארנער טרופ עוו. און וואלטאן סטריט

קומט צו אונזערע פערזאמלונגען

פרייטאג אבענד, 8 אוהר..פאר מענער און פרויען
מאנטאג אבענד, 8 אוהר........טעסטימאניעל

גלויבען אין איהם. און אזוי איז די מענשהייט באַשאַפען געוואָרען.

דאַן גיבט מען אַ פרעג איינעם פון די לעצטע נביאים, חגי הנביא, וואָס ער דענקט וועגען דעם גרויסען יו"ט קריסטמעס? ער ענטפערט אז צו איהם איז עס אַ "גילה רנה דיצה חדוה" ביז אין דער סאַמע נשמה, ווייל דאָס האָט ער דאָך געמיינט מיט זיין נבואה „ובאו חמדת כל הגוים". (חגי ב'). און זייט ער איז געקומען איז ער דאָך טאַקע דאָס גליקסעליגקייט פון אַלע פעלקער. יאָ, צווישען אַלע פעלקער זענען פאַראַן יחידי סגולה וואָס זאָגען אזוי ווי דער גרויסער מחקר שאול פון תרשיש, דער תלמיד פון ר' גמליאל הזקן, האָט אַמאָל געזאָגט: פאַר מיר צו לעבען און צו שטערבען איז נור ישוע המשיח. (פיליפיענס ו').

און הערט אַקאָרשט וואָס זכריה הנביא ענטפערט אויף דער פראַגע וואָס דער יו"ט קריסטמעס מיינט פאַר איהם — ער שרייט אויס „גילי מאד בת ציון הריעי בת ירושלים הנה מלכך יבוא לך..." (זכריה ט'), ד"ה, פרייה דיך זעהר דו טאָכטער פון ציון... זעה דיין מלך קומט צו דיר. דאַרף מען נאָך אַ גרעסערע שמחה?

און ווען די יחידי סגולה פרעגען אָט דיזעלבע פראַגע דעם לעצטען נביא, מלאכי, ציינט ער אָהין מיט גרויס באַגייסטערונג צו דעם טאָג פון דעם הייליגען משיח'ס געבורט, אַז דאָס איז עס טאַקע וואָס ער האָט געמיינט ווען ער האָט געזאָגט: „וזרחה לכם יראי שמי שמש צדקה..." ווער זאָל זיך דען נישט פרייען מיט זיין געבורט ווען ער איז די זון פון גערעכטיגקייט. אזוי ווי די וועלט קאָן נישט לעבען אָהן דאָס ליכטיגקייט פון דער זון, אזוי קאָן קיינער נישט גערעכט זיין ביי גאָט אָהנע ישוע המשיח. וואָס איז געקומען אויף דער וועלט מיט איבער 1900 יאָהר צוריק צו ליידען און צו שטערבען פאַר אונזערע זינד כדי אונז פאַר גאָט ב"ה גערעכט צו מאַכען.

מיר ווענדען זיך צו דעם ליידענדען איוב און פרעגען איהם וואָס ער דענקט וועגען דעם טאָג קריסטמעס? הערט וואָס ער זאָגט: צו מיר מיינט דער טאָג אַלעס אין דער וועלט. גאָרנישט וואָלט מיך אזוי טרייסטען אין מיינע יסורים ווי ישוע המשיח וואָס איז אין יענעם טאָג געבוירען געוואָרען, און איוב שרייט אויס מיט'ן גאַנצען האַרץ און נשמה „ואני ידעתי גואלי חי..." (איוב י"ט, 25) ד"ה, איך ווייס אַז מיין גואל דער הייליגער משיח, אַז ער לעבט. ער איז אַ לעבעדיגער משיח וואָס גיבט לעבען צו אַלע וואָס גלויבען אין איהם, אין פריידען און אין ליידען. יאָ, אפילו אין ליידען ווען אַלע פריינד פערלאָזען אַ מענש, ישוע המשיח פאַרלאָזט קיינמאָל נישט.

אזוי ווענדענדיג זיך פון איין נביא צום צווייטען, פון איין פּאַטריאַרך צום אַנדערען, הערט מען פון אַלע מיט גרויס ענטציקונג און מיט גרויס שמחה מיט אַ יום־טוב'דיגע שטימונג און מיט פייערדיגע ווערטער רעדענדיג וועגען דעם גרויסען יו"ט קריסטמעס אַלס אַן אַנדענקונג אויף דעם געבורט פון ישוע המשיח, און מיר אַלע צעהנדליגע טויזענדער יחידי סגולה וואָס גלויבען יענע אַלע נביאים, און דערפאַר גלויבען מיר אין ישוע המשיח, מיר רופען אויס מיט יובל און מיט התלהבות'דיגע שמחה איבער דעם געבורטסטאָג, קריסטמעס, „זה היום עשה ד' נגילה ונשמחה בו", און מיר בעטען "אנא ד' הושיעה נא", העלף אַ גאָט אַז כל ישראל זאָלען זיך פרייען מיט ישוע המשיח, וועלכער איז אונזער ישועה און אונזער נחמה.

---

## וואָס מיר אייגענטליך ווילען

מיר ווילען דאָ אין דיעזען אַרטיקעל איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַקאַנט מאַכען פאַר אונזערע ווערטהע לעזער דעם תכלית פון די מיסיאָנערישע טהעטיגקייט וואָס אַסאַך אידען פאַרשטעהען נאָך עד היום נישט.

דער תכלית פון די מיסיאָנערן איז ניט פאַרהאַנגען מיט מיסטיק ־ ווי מאַנכע אידען מיינען. מ'דאַרף זיך גאָר ניט טיעף גרונטעווען אום אויסצוגעפינען די ערהאַבענע רעזולטאַטען פון זייער געטליכער אַרבייט, אידעאַלען און עדעלע שטרעבונגען.

ווייסט איהר, פריינד, אַז די איינציגע מענשען וואָס דאַרפען אַם מיינסטען דאַנקען גאָט פאַר די טעטיגקייט פון די מיסיאָנערען, זיינען די אידען! גאָט ב"ה האָט אזוי באַשטימט אַז דורך די מיסיאָנערן זאָל קומען צו אידען אַ ריוח והצלה. ווען עס וואָלט חלילה ניט געווען קיין מיסיאָנערן אין דיזער פינסטערער וועלט, וואָלטען אידען געווען היינט־צו־טאָג זעהר ווייניג אין צאָהל און פיעל ווייניגער געאַכטעט אין דער ציוויליזירטער וועלט. מיר אידען וואָלטען אַרום געוואַנדערט אזוי ווי ציגיינערס.

איידער די פּראָטעסטאַנטישע גוטע קריסטען האָבען אָנגעהויבען צו שיקען מיסיאָנערן אין דער וועלט, דאַמאָלס ווען דער קאַטאָליציזם האָט נאָך געהערשט, האָבען אידען פשוט קיין תקומה געהאַט. והא ראיה, ביים ענדע פון 17טען יאָהר־הונדערט האָט זיך געפונען אויף דער גאַנצער וועלט ניט מעהר ווי איין מיליאָן אידען וועלכע זיינען תמיד אויסגעזעצט געווען צו דער געפאַהר פון גירושים, הריגה און פאַרניכטונג, ר"ל. מ'האָט ניט צוגעלאָזט אַז דער אידיש שאַפענדער גייסט זאָל זיך אין זיי צושפּיעלען. מ'האָט אונז לחלוטין פאַרבאָטען צו שאַפען, בויען, פּראָדוצירען און אָנשטענדיג צו לעבען. מ'האָט אונז רק גע'רודפ'ט, פעראַכטעט און פעראַבשייעט, נאָך ערגער ווי די ציגיינערס, ווייל דער קאַטלאָציזם מיט זיינע פּאַפּסטען און גלחים האָבען געהאַלטען דעם גוי'שען עולם אין אַ פאַרשוואַרצטיגען איגנאָראַנץ. זיי האָבען מיט'ן גוי'שען המון ניט געלערענט די הייליגע תורה, האָבען זיי במילא ניט געוואוסט ווער אידען זיינען. זיי האָבען ניט געוואוסט פון אברהם יצחק ויעקב, פון משה און די נביאים, און פיעלע פון זיי זיינען נאָך עד היום איגנאָראַנט וועגען דעם הייליגען תנ"ך.

ווען "לוטהער" איז אָבער אַרויס געקומען מיט אַ פּראָטעסט נעגען דער הערשאַפט פון קאַטאָליציזם און האָט אָנגעהויבען צו פאַרשפרייטען דאָס תנ"ך צווישען מענשען האָט מען ערשט דאַמאָלס אָנגעהויבען איינצוזעהן אַז אידען זיינען עפּעס גאַנצע מחותנים אין דער ביבעל, און זייט דאַמאָלס האָבען זיי זיך אָנגעהויבען ביסלעכווייז צו פאַרמעהרען אין צאָהל.

די געשיכטע צייגט אונז אַז ביים ענדע פון 18טען יאָהר הונדערט האָט די צאָהל אידען געוואַקסען צו דריי מיליאָן. און פון 18טען ביז'ן 19טען יאָהר הונדערט האָבען אידען אַזאַ געוואַלטיגען פאָרטשריט געמאַכט אַז אונזער צאָהל האָט דערגרייכט ביז 12 מיליאָן.

די גוטע פּראָטעסטאַנטישע קריסטען האָבען די אידישע ביבעל, דאָס תנ"ך, געלאָזט הרוקען אין פערשיעדענע שפּראַכען און האָבען געשיקט מיסיאָנערען צו פערטיילען און צו באַלעהרען די תורה צווישען די איגנאָראַנצע גוים. די מיסיאָנערען האָבען צו זיי גע'דרש'ענט און בעוויזען אַז אַלע נביאים זיינען געווען אידען, יאָ, אַז ישוע המשיח זעלבסט איז געווען אַ איד, און אזוי־נאָך האָט מען אָנגעהויבען אַנדערש צו קוקען אויף'ן איד, רעספּעקטירען דאָס אידישע פאָלק פון וועמען זייער גואל און דער גואל פון דער גאַנצער וועלט איז געבוירען געוואָרען.

כדי צו האָבען אַ שטיקעל באַגריף איבער דיעזער זאַך, ווילען מיר דאָ געבען אַ קורצען אויסצוג פון אַ לאָנדאָנער ביבעל געזעלשאַפט. דיעזע קריסטליכע געזעלשאַפט האָט אָנגעפאַנגען איהר אַרבייט, צו שיקען מיסיאָנערען מיט ביבלען, מיט 122 יאָהר צוריק. זיי באַריכטען, אַז אין איין יאָהר, פון 1919 ביז 1920 האָט דיעזע געזעלשאַפט אַרויס געגעבען ביינאַהע 9 מיליאָן ביבלען און האָט געלאָזט דאָס תנ"ך איבערזעצען אין 19 נייע שפּראַכען פון אַפריקאַ און אַזיען. ביז איצט האָבען דיעזע און אַנדערע געזעלשאַפטען איבערזעצט די ביבעל אין מעהר אַלס 500 שפּראַכען און דיאַלעקטען.

די שלוחים (מיסיאָנערן) וואָס דיעזע און אַנדערע עהנליכע אָרגאַניזאַציעס שיקען אַרויס זיינען פאַרשפּרייט אין דער גאַנצער וועלט. אין אַפריקאַ, אַזיען, אויסטראַליען, עגיפּטען, ארץ ישראל, יאַפּאַן, קענעדע, זיד־אַמעריקאַ און וואו איהר ווילט נור אליין. זיי ווערען מאַנכעס מאָל אַטאַקירט ביי ווילדע מאַחמאַדאַנער און אינדיאַנער, אויך ווערען זיי צומאָל געפעהרליך פאַרוואונדעט און גע'הרג'עט, די מיסיאָנערן האָבען אָבער מוטה געגוג זייער אַרבייט פאָרטצוזעצען בשם ד' אלהי צבאות. זייער ציעל איז צו פאַרשפּרייטען דעם "כה אמר ד'" אזוי ווי ישוע המשיח האָט אונז אָנגעזאָגט: "געהט און פאַרקינדיגט די בשורה טובה צו דער גאַנצער וועלט". (מארקוס ט"ז).

אָט צוליעב דעם געבאָט פון ישוע המשיח מאַכען דאָס די מיסיאָנערן די גרעסטע אָנשטרענגונג דיעזע מצוה מקיים צו זיין. זיי נעמען אויף זיך אַלערליי פאַרפאַלגונגען, סיי פון אידען און סיי פון גוים, האָבענדיג דאָס בעוואוסטזיין אַז זיי טהון גאָט'ס שליחות. אזוי טהוענדיג, קומט אַ גרויסע טובה צו אַלע מענשען בכלל און צום איד בפרט. און אָט אויף אַזאַלכע מענשען זאָגט דאָס דער הייליגער מ ש י ח "איהר זייט דאָס זאַלץ פון דער ערד", (מתתיהו ה' 13) ווייל אָהן זייער אַרבייט וואָלט די וועלט קיין טעם געהאַט.

די מיסיאָנערן זיינען גייסטיגע העלדען און ריזיגע כאַראַקטערע, גרעסער אַלס די גרעסטע זשעניען אין דער אינדוסטריע, גרעסער אַלס די גרעסטע פילאָזאָפען אָדער סייענטיסטס, גרעסער אַלס פעלדמאַרשאַלען און גענעראַלען, זיי האָבען דאָס הייליגע פאַרשפּרעכען פון גאָט אַליין וואָס זאָגט דורך דניאל הנביא קאַפּיטעל י"ב: "ומצדיקי רבים ככוכבים לעולם ועד". ד"ה, זיי, די מיסיאָנערן, וועלען לייכטען ווי די שטערן אין הימעל. ווייל זיי זיינען די שלוחים פון גאָט ב"ה צו פאַרקינדיגען אי צו אידען און אי צו גוים אַז "כלנו כצאן תעינו איש לדרכו פנינו וד' הפגיע בו את עון כלנו". ד"ה, מיר אַלע, אידען און גוים, האָבען געאירט אזוי ווי שאָף יעדער איז זיך געגאַנגען זיין אייגענעם וועג און גאָט האָט אויף איהם, אויף ישוע המשיח, אַרויפגעלעגט אַלע אונזערע זינד. (ישעיה נ"ג).

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אנכי הרעה הטוב יוחנן 10·11

# רֹעֵה יִשְׂרָאֵל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל ל״ד 23

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת׳דיגען משיח.

Vol. XV. No. 4 — רעוו. לעאפאלד קאהן, עדיטאר — December, 1932


## קריסטמעס

דער יום טוב איבער אלע ימים טובים.

דער קריסטמעס טאג וועלכען די ציוויליזירטע וועלט האט באשטימט אלס א יום־טוב צו דער עהרע פון דעם געבורט פון ישוע המשיח האט אן אונגעהייער גרויסע באדייטונג פאר דער גאנצער וועלט בכלל און פאר׳ן אידישען פאלק בפרט. מיט די ווערטער „אידישען פאלק" מיינען מיר נישט דעם גאנצען כלל, ווייל גאט ב"ה האט אימער געהאט נור איינצעלנע פון גאנצען פאלק ישראל, וועלכע האבען געהארכזאם און עהרפורכטיג איהם געליעבט און געדיענט. מיט די ווערטער "אידישען פאלק" מיינען מיר, די יחידי סגולה פון אידישען פאלק, און דאס זענען די וועלכע האבען אריינגעדרונגען און אין זיך איינגעזויגען דעם אידישען גייסט פון די הייליגע נביאים.

אט צו דיעזע גרופע אידען איז דער קריסט־מעס־טאג, אין וועלכען עס ווערט געפייערט די געבורט פון ישוע המשיח, דער גרעסטער טאג פון שמחה און גדולה.

אט למשל געהען די יחידי סגולה אין גייסט צו דעם ערשטען טאטע אברהם און פרעגען איהם, פאטער אברהם, וואס איז דיין מיינונג איבער קריסטמעס, און וואס פאר א זין האט דער טאג פאר דיר? זיין ענטפער איז, אז דער טאג איז צו איהם א טאג פון גרויס שמחה, עס הייסט אין יוחנן ח׳: „אברהם התעלס לראות את יומי וירא וישמח", דאס הייסט, אברהם האט זיך געפרייהט צו זעהן דעם טאג פון ישוע המשיח. און דאס האט אברהם געזעהן ביי דער עקדה ווען ער האט זיין זוהן יצחק געוואלט מקריב זיין, וועל־כער איז שיעור געקוילעט געווארען אבער איז דאך לעבען געבליבען, דאמאלס האט איהם גאט געוויזען אז אויך ער, גאט ב"ה גופא, וועט זיין „בן יחיד" מקריב זיין דארט אויפ׳ן הר הגלגולת, וואו ער וועט טאקע באמת געקרייציגט ווערען, אבער ער וועט אויפשטעהן אויפ׳ן דריטען טאג אזוי ווי עס איז טאקע שפעטער געשעהן מיט ישוע המשיח. אט דארט האט אברהם אבינו געזעהן דעם טאג פון ישוע המשיח׳ס אויפאפפערונג, פון זיין אויפער־שטעהונג און אויך פון זיין צוריקקומען און ווערען דער מלך על כל הארץ. יא, דאס איז א לאנגער טאג, אבער אויך א גרויסער טאג, און דער טאג פון קריסטמעס איז אין זיך כולל אלע יענע טעג פון משיח. דערפאר האט דער טאג זעהר פיעל געמיינט צו אברהם אבינו.

אברהם אבינו דערצעהלט אויך צו די יחידי סגולה אז דער גייסט פון ישוע המשיח פארשטעלט אלס מענש האט איהם באזוכט נאך איידער ער, דער משיח, איז געבוירען געווארען, ער איז געווען איינער פון יענע „שלשה אנשים", וועלכען ער האט געגעבען דעם טיטעל „אדני", מיין גאט. (בראשית י"ח).

דערנאך געהען די יחידי סגולה פון אידישען פאלק צו דעם נעכסטען פאטריארך, יעקב אבינו, איהם פרעגענדיג: פאטער יעקב, וואס דענקסטו פון קריסטמעס, דעם טאג אין וועלכען דער גע־קרייציגטער איז געבוירען געווארען? הערט וואס יעקב אבינו ענטפערט: „דער טאג איז צו מיר הייליג און טייער, ישוע איז צו מיר איינמאל גע־קומען אין מיין גרויסער צרה ווען איך בין אנט־לאפען פון לבן הארמי און איך האב ערוואַרטעט צו באגעגענען מיין בלוט־שונא, מיין ברודער עשו, ביי דעם נחל יבק, דארט איז ער צו מיר געקומען און איז געווארען מיין „מלאך הגואל". געוויס האב איך מיך דאמאלס געפרייהט ווען ער האט מיר מגלה־סוד געווען בשעת דער מארגען־שטערן איז אויפגעגאנגען, אז ער וועט געבוירען ווערען פון א טאכטער פון בית דוד און א גרויסער שטערן וועט דאמאלס אויפלייכטען אין הימעל, דער "דרך ככב מיעקב" וועט אויפגעהן און עס וועט ווערען ליכטיג אין דער גאנצער וועלט. געוויס האב איך מיך געפרייהט אין איהם צו זעהן מיין גואל און דער גואל פון אלע מיינע קינדער עד סוף כל הדורות וואס וועלען אין איהם גלויבען, און איך האב מיט אלע מיינע כחות דאמאלס אויסגעשריען: "לישועתך קויתי ד׳! ".

געוויס פרייהט מיך — זאגט יעקב — אז דער טאג קריסטמעס ווערט געפייערט לשמו ולכבודו.

נאכדעם געהען די יחידי סגולה צו דעם גרוי־סען ארגאניזאטאר פון אידישען פאלק, משה רבינו, און פרעגען דעם גרויסען פיהרער דיזעלבע פראגע: וואס דענקט איהר, גרויסער רבי, וועגען קריסטמעס? אט הערען מיר איהם ענטפערען: „איך דענק זעהר פיעל וועגען דעם, ווייל איך האב אייך שוין הא־מאלס אנגעזאגט אז דער „נביא כמשה" וועט קומען און איך האב אייך געבעטען און געווארענט אז „אליו תשמעון". ווען נישט זאגט גאט „אנכי אדרש מעמו". (דברים 18.) אין יענעם טאג, קריסטמעס, איז דער נביא כמשה, ישוע המשיח, טאקע געקומען און... געוויס פרייה איך מיך!"

דאן געהט מען צו משה׳ס נאכפאלגער, צו יהושע בן נון — וואס זאגט איהר גרויסער פיהרער איבער קריסטמעס, דעם געבורטסטאג פון ישוע המשיח? "אה, ענטפערט ער, דאס איז קדש הקדשים. דאס איז דער געבורטסטאג פון דעם "שר צבא ד׳" וועלכער איז צו מיר געקומען נעבען יריחו. (יהושע ה׳).

דאן ווענדען זיך די יחידי סגולה צו דעם גרויסען נביא ישעיה — וואס דענקט איהר נביא, וועגען קריסטמעס? וואס איך דענק וועגען דעם— זאגט ער — האב איך שוין לאנג געזאגט, נאך מיט איבער 700 יאהר בעפאר עס איז געשעהן. איך האב אויסגערופען מיט גרוים שמחה און התלהבות: „כי ילד ילד לנו בן נתן לנו". (ישעיה ט׳). אודאי דארף זיך יעדעם אידישע הערץ דערמיט פרייען".

אזוי געהענדיג גיבט מען אויך א פרעג דעם גרויסען אידישען מלך דוד — וואס האט איהר, אידיישער מאיעסטעט, אונז צו זאגען מכח קריסט־מעס? דער גרייזגרויער מאנארך דוד וועט אודאי מיט גרוים ענטהוזיאזם ענטפערען, אז דאס איז ביי איהם די גרעסטע שמחה, ווייל אין יענעם טאג איז דער משיח, וואס איז א בן דוד, געבוירען גע־ווארען און ער וועט אהין ווייזען צו דעם וואס ער האט בנבואה געשריבען אין תהלים ב׳, אז דער משיח זאגט, "ד׳ אמר אלי בני אתה אני היום ילדתיך", און "אשרי כל חוסי בו".

דאן ווענדט מען זיך צו איינעם פון די שפע־טערע נביאים, צו מיכה, מיט דער זעלבער פראגע. ער ענטפערט מיט א פייערל אין זיינע אויגען, אז יענער טאג איז ביי איהם ווי 10 שמחת תורה׳ס צו־זאמען גענומען, און צייגט אהין צו זיין נבואה אין מיכה ה׳: „ואתה בית לחם אפרתה צעיר להיות באלפי יהודה ממך לי יצא להיות מושל בישראל". אין אבישוין ער איז אין בית לחם געבויהען געווארען, דאך איז דאס נישט זיין אריגינאל, זיין אנהויב, ווייל „ומוצאתיו מקדם מימי עולם", זיין עקזיסטענץ איז געוועזן פון עוויג אן.

עס איז פאראן א מדרש וואס זאגט אז גאט ב"ה האט געהאט א נעשפרעך מיט׳ן משיח נאך איידער ער האט די וועלט בעשאפען, זאגענדיג אז די מענשען וועלען זיין זינדיג און זענען קוים ווערטה באשאפען צו ווערען. האט דער משיח געענטפערט אז ער נעמט אויף זיך די זינד פון אלע וואס וועלען


Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the American Board of Missions to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn. N.Y.
Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., Under the Act of March 1, 1897